# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בשלח תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 416



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'ה' ילחם לכם' אויך ווען 'תחרישון'

"ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן" (יד יד)

אין מכילתא (מסכתא דויהי פרשה ב) דרש'ענען די חכמים דעם פסוק: "לא לשעה זו בלבד ילחם לכם אלא לעולם ילחם כנגדן של אויביכם".

טייטשט דער 'משך חכמה':

דעמאלטס האבן די אידן גע'טענה'עט אז דער אויבישטער מוז זיי העלפן, ווייל ער האט זיי נישט ארויסגענומען פון מצרים כדי זיי דערטרונקען אין ים. דעריבער מוז זיין אז די הבטחה פון "ה' ילחם לכם" איז נישט געזאגט געווארן אויף דעמאלטס, נאר בעיקר אויף די קומענדיגע מלחמות ווען עס וועט זיין "ואתם תחרישון" - נישט קענען עפענען דאס מויל און האבן א טענה, אויך דעמאלטס וועט ער מלחמה האלטן פאר ענק.

'משך חכמה'

### 'ואנחנו לא נדע מה נעשה'

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ" (יד טו)

זאגט דער **'שפת אמת'**:

ווען א איד קומט אן צו די הכרה אז ער האט נישט קיין שום וועג וויאזוי זיך צו ראטעווען פון זיין צרה, און ער פארלאזט זיך אויפן באשעפער - ווערט ער באלד געהאלפן. אזוי איז אויך געווען ווען די אידן זענען געשטאנען נעבן די ים ווען די מצרים שטייען אונטער זיי, און דער ים פון פארנט, און זיי האבן נישט וואו אהין צו אנטלויפן. ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין נאטורליכע רעטענונג, האבן זיי זיך אינגאנצן פארלאזט אויפן באשעפער און דער ים האט זיך באלד געשפאלטן. און דאס האט הקב"ה געזאגט פאר משה: "מַה - תִּצְעַק אֵלָי"; אויב דו שרייסט צו מיר "מה" ד.מ. וואס קען מען טון, ווייל דו זעסט נישט קיין לעזונג בדרך הטבע, זאלסטו וויסן אז די ישועה איז שוין אנגעקומען, וועגן דעם: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ".

'ויען יוסף' [לגר"י מנדלקורן] עמ' קיא

### די ברכה 'רפאנו' איז וויכטיג אויך פאר געזונטע

"וַיֹּאמֶר אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע לְקוֹל ה' אֱלֹקֶיךָ וְהַיָּשָׁר בְּעֵינָיו תַּעֲשֶׂה וְהַאֲזַנְתָּ לְמִצְוֹתָיו וְשָׁמַרְתָּ כָּל חֻקָּיו כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ" (טו כו)

די חכמים (סנהדרין קא א) וואונדערן זיך שוין אויף די אויספיר פון דער פסוק: "כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ"; אויב הקב"ה זאגט אונז צו אז ער וועט נישט ברענגען אויף אונז די מחלות פון מצרים, פארוואס דארפן מיר א רפואה?

ערקלערט דער **'שבט הלוי'**:

דער יעב"ץ ערקלערט (סידור 'עמודי שמים' ח"ב, בהגהות המחבר עמ' כו) אז די בקשה: "והעלה רפואה שלימה לכל מכותנו" וואס ווערט דערמאנט ביי די ברכה 'רפאנו' איז אויך פאר א געזונטן מענטש, ווייל אין קערפער פון דער מענטש זענען דא באהאלטענע קרענק און פארשידענע וואונדן, און אויב הקב"ה וואלט נישט אריינגעלייגט אין די קערפער פון דער מענטש א כח זיך צו קענען שטארקן אויף זיי בעפאר א אויסבראך [דורך די 'אימיון סיסטעם' (המערכת החיסונית)] וואלטן מיר נישט געקענט עקזיסטירן. דעריבער אויך א געזונטער מענטש דארף צוקומען צו די תפילה אז זיין קערפער זאל קענען ווייטער קעמפן אקעגן די באהאלטענע קראנקהייטן.

מיט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק: אויב דו וועסט זיך פירן בדרך התורה, דעמאלטס "כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּמִצְרַיִם", און זענען באהאלטן אין דיין קערפער, "לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ" - נאר איך וועל שטארקן דיין קערפער זיי זאלן נישט אויסברעכן אין דיר, "כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ".

'דרשות ושיחות שבט הלוי' - תשס"ג עמ' קעב

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די אויפדעקונג פון רבינו בחיי אין אונזער פרשה

יעדן טאג זענען מיר זוכה אסאך מאל ארויסזאגן מיט אונזערע ליפן די הייליגע ווארט - 'אמן'. אבער טראץ וואס עס טרעפט זיך, און אפשר דווקא צוליב דעם, זעט אויס אז מיר פארשטייען נישט גענוג איר געוואלדיגע מעלה. און עס איז נישט קיין וואונדער, ווייל וויפיל פון אונז האבן מקדיש געווען, אפילו נאר אביסל צייט, זיך מתבונן זיין אין די אפטייטש פון די ווארט, פארשטיין איר טיפן און געוואלדיגן באדייט, און איינערקענען איר געוואלדיגן כח און אירע גרויסע פעולות?

מען קען מאריך זיין אין דעם אן קיין אויפהער, אבער אין די קאלום וויל איך ווענדן די אויפמערקזאמקייט פון די חשובע ליינער פון די גליון צו די ווערטער פון רבינו בחיי אין אונזער פרשה, אויפן פסוק וואס מיר זאגן יעדן אינדערפריה ביי 'שירת הים' (שמות יד לא): "ויראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו". רבנו בחיי געבט צו ערקלערן מיט א גרויסע אריכות די באדייט פון ענטפערן אמן אין הלכה, אגדה און אין קבלה און די סודות וואס זענען דא. דער גרויסער שכר פון דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און דער שטראף פון דער וואס לייגט נישט צו זיין הארץ צו מקיים זיין די מצוה.

אויב מיר וועלן ארויף קוקן אויף די הימל אין א טונקעלעם פלאץ ווען מיר קענען זען אז אין הימל זענען דא צענדליגער טויזנטער קליינטשיגע שטערנ'ס, א טייל פון זיי וואס כמעט מען זעט זיי נישט, און א טייל פון זיי זען מיר נישט צוליב זייער ווייטקייט. די שטערנ'ס זען אויס פאר אונזערע אויגן קליין ווייל זיי זענען זייער ווייט פון אונז, אבער היינט צו טאג איז נישטא ווער עס זאל האבן א צווייפל אז זיי זענען ריזיגע וועלטן.

אויב מיר וועלן זיך מתבונן זיין און גוט פארטיפן אין די ווערטער פון רבינו בחיי וועלן מיר זען אז פונקט אזוי איז די אמן. פאר אונזערע אויגן זעט זי אויס קליין און פיצל, אבער אין הימל איז זי גרויס און געוואלדיג ביז גאר, און גאנצע וועלטן זענען אנגעהאנגען אין איר. דורך זיך מתבונן זיין אין זיינע רייד וועט מען צוקומען צו א באשלוס, אז אויב מיר וועלן פאלגן די חכמים און פארמערן צו ענטפערן אמן'ס, וועט אונז שטענדיג גוט זיין.

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# א תמימות'דיגע בקשה וואס האט געראטעוועט לעבן

ענדע יאר תשע"ד, אינמיטן די טעג פון 'צוק איתן' אקציע. די 'צוק איתן' אקציע האט זיך אנגעהויבן נאך א לאנגע צייט, וואס די טעראר ארגאניזאציעס וועלכע געפינען זיך אין עזה-פאס האבן געשטערט די רואיגקייט פון די איינוואוינער ארום, מיטן שיקן אן קיין אויפהער ראקעטן, באמבעס וואס זיי האבן געשאסן צו זייער ריכטונג טאג און נאכט.

א שפעט נאכט שטונדע. א גרופע פון עליטע סאלדאטן, געלערנטע און געלונגע האבן געמאכט זייער וועג אין דער פינסטערניש פון דער נאכט אין די געסלעך פון די בלוטיגע שטאט עזה, ווען זייערע הערצער זענען פול מיט תפילה און פאר זייערע אויגן ליגט די שליחות אויף וואס זיי זענען געשיקט געווארן, צו באשיצן די איינוואוינער פון ארץ הקודש.

אין די געדעכטע פינסטערניש האט די גרופע פארזיכטיג אריין מארשירט אין דעם 'לייבן גרוב', ווען זיי אלע היטן אויף א גענצליכער שטילקייט.

אנקומענדיג צו די צייטווייליגע סטאנציע האבן זיי זיך אויסגעשטעלט יעדער אויף זיין פלאץ, ווען זיי געבן אכטונג זיין גענוג אפגערוקט איינער פון צווייטן און באהאלטן יעדער אומגעוועגליכע באוועגונג. פאר זיי איז געווען זיכער אז נישט ווייט פון זיי לאקערן נאך די מערדער, וואס מיט זייער געווער אין די הענט, ווילן זיי אלעמען פארניכטן און הרג'ענען.


דער גרעניץ אין עזה-פאס

די גרופע האט נאכגעקוקט יעדע שטילע באוועגונג. די פייפערייען פון די באמבעס וואס זענען געשאסן געווארן צו די ריכטונג פון ארץ הקודש האט א גאנצע צייט דורכגעשניטן די לופט, אין די לופט האט זיך געפילט א אנגעצויגענקייט און שרעק. נאך צוויי שלאף-לאזע נעכט זענען די סאלדאטן געווען זייער מיד, אבער קיינער פון זיי האט אפילו נישט געקענט חלום'ען פון א דרימל אפילו אויף עטליכע מינוט.

ס'איז נישט געווען קיין פאסיגע לעזונג צו דער מידקייט וואס האט זיי געדרוקט, אבער דער שטארקער הונגער איז שווער געווען איבערצוקומען. שוין לאנגע שעה'ן וואס קיין שום עסן האט נישט דערגרייכט צו די מויל פון די סאלדאטן. ווילאנג, זיי זענען געווען אין קאמף האבן זיי נישט צוגעלייגט קאפ צו דעם, אבער יעצט, ווען זיי האבן זיך אפגערוהט האט די הונגער זיי אנגעהויבן פלאגן.

יעצט איז געווען די פאסיגע צייט ארויסנעמען די קליינע נאשערייען וואס זיי האבן אריינגעפאקט אין די טאשן, ארויסלאזנדיג אויפן וועג צום קאמף. די נאשערייען זענען געשיקט געווארן דורך קינדער וואס האבן זיי געוואלט מוטיגן. דאס זענען געווען קליינטשיגע נאשערייען, אבער זיי האבן געקענט אנווארעמען דאס הארץ, און אויף א קורצע צייט בארואיגן די הונגער וואס האט זיי געדרוקט.

אזוי ווי די אנדערע פון די גרופע האט ש', איינער פון די סאלדאטן, אריינגעלייגט זיין האנט אין טאש און ארויסגענומען א נאש, א וואפלע. די איינפאק איז שוין געווען אפגעריבן און די וואפלע אליין צובראכן און צוברעקלט, אבער אין יענע מינוט איז עס ווערד געווען...

ש' האט אויפגעריסן דעם פאפיר און מיטאמאל געוואלט אויפעסן איר אינהאלט, אבער מיטאמאל באמערקט ער א קליינע צעטל וואס איז באהאפטן געווען צו דעם. זיין נייגעריקייט האט זיך געשטארקט אויף זיין הונגער, און אים געצווינגען כאפן א בליק אויף די צעטל.

דער צעטל איז געווען באצירט מיט קינדערישע צייכענונגען און איז געשריבן געווארן מיט א קינדערישע שריפט: "א גוטן צו דיר טייערער זעלנער, אפעטיט און אסאך הצלחה, ביטע נישט פארגעסן זאגן א ברכה".

ש' האט א קוק געטון אויפן צעטל און געפילט ווי א טרער רינט אים אראפ פון די אויגן. דער תמימות'דיגער צעטל האט אים דערמאנט זיין שטוב און אים געמאכט אויסברעכן אין שטורעמישע געפילן. דער געדאנק פון יענעם אומבאקאנטער קינד וואס וואוינט ערגעץ וואו, וואס האט אויסדערוועלט פון זיינע אוצרות א קליינע און פשוטע וואפלע און עס שיקן מיט א הארציגע וואונטש צו א אומבאקאנטער מענטש, האט אים צוגעברענגט צו התרגשות. אבער, דער אינהאלט פון דעם צעטל האט אים צוגעברענגט צו א פארלעגנהייט.

פון איין זייט איז ער געווען שטארק הונגעריג, און עס רעדט זיך אינגאנצן פון א איינפאכע וואפלע און פון א קליין קינד, אבער פון די אנדערע זייט אין די אויגן פון יענע קינד איז די וואפלע א טייערער אוצר, ער האט באשלאסן אים דאס צו שענקען, איבערהויפט ווען די תמימות'דיגע בקשה איז דאך אזוי גרינג אויספירן...

ש' איז גרייט געווען צו זאגן די ברכה, אבער זייענדיג א תינוק שנשבה האט ער נישט געוואוסט וויאזוי טוט מען דאס. ער האט פרובירט זיך צו דערמאנען, אבער אן ערפאלג.

אויף איין ווײַלע האט ער געטראכט מוותר זיין טראכטנדיג אז דער קינד וועט אים זיכער מוחל זיין... אבער באלד האט ער אוועקגעשטיפט די שלעכטע געדאנק און באשלאסן מיט א פעסטקייט, ניין! ער וועט נישט עסן די וואפלע ביז ער וועט געוואר ווערן וואס איז די ברכה אויף דעם.

ער האט געקוקט צו די וואס זענען געזעסן ארום אים, געזוכט ווער פון זיי קען אים העלפן, און מיטאמאל האט ער באמערקט משה'ן, דער איינציגער רעליגיעזער זעלנער אין דער גרופע, וועלכער איז געזעסן עטליכע מעטער אפגעריקט פון אים. משה וועט זיכער וויסן וואספארא ברכה מ'זאגט אויף דעם, אבער וויאזוי קען ער אים פרעגן? שרייען ביז צו זיין ריכטונג קומט נישט אין באטראכט, יעדע איבריגע גערודער קען ברענגען אויף זיי א אומגליק. ווארטן קומט אויך נישט אין באטראכט, דער הונגער פייניגט, און ווער ווייסט ווי לאנג עס וועט נאך נעמען צו דארפן ווארטן אויפן זעלבן פלאץ.

ער האט נאר איין אפציע, און דאס איז - קריכן. ש' האט אנגעהויבן לאנגזאם, שטיל און פארזיכטיג קריכן צו משה'ן, און ווען ער האט דערגרייכט זיין ציל, האט ער אים אריין געשושקעט אין די אויער די מעשה פון די וואפלע און דעם צעטל און אים געבעטן ער זאל אים העלפן ערפילן די בקשה פון דעם קינד.

"מיט פרייד", האט משה געזאגט, "זאג מיר נאך: 'ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם בורא מיני מזונות'".

ש' האט געזאגט די ברכה און משה האט געענטפערט נאך אים 'אמן' מיט כוונה, און פונקט אין יענער מינוט איז געהערט געווארן א שטארקער גרודער פון אן אויפרייס. אזאנס וואס ש' האט נאכנישט איבערגעלעבט אין זיין לעבן.

עס זעט אויס אז טעראריסטן האבן געהאט א פארדאכט אז סאלדאטן זענען ערגעץ וואו דא באהאלטן, און האבן באשלאסן דאס קלאר מאכן דורכ'ן שיסן א באמבע. אין געציילטע סקונדעס האט מען ערלעדיגט די טעראריסטן, און די קעמפער זענען באפוילן געווארן יעדער זאל איבערקוקן ארום זיך און די פלאץ וואו זיי זיצן אויב חלילה עס זענען נישט פארהאן קיין קרבנות.

ש' האט אויך איבערגעקוקט די געגנט ארום, און ווען ער האט פארשטאנען ווי גרויס איז דער נס וואס איז געשען מיט אים, איז פון זיין מויל ארויסגעקומען א געשריי פון התפעלות. עס זעט אויס אז די באמבע איז געפאלן פונקט אין די פלאץ וואו ער האט זיך געהאט באהאלטן מיט איין מינוט פריער, ש' האט נישט געקענט טראכטן וואס וואלט געשען ווען ער וואלט מוותר געווען אויף די ברכה.

'אמונה שלימה' האזינו

# תפילת שמונה עשרה – די ברכה 'אבות'

## די מקור פון די ברכה

די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען מען זאל דאווענען דריי מאל יעדן טאג א באשטימטן נוסח פון 'שמונה עשרה' ברכות (מגילה יז ב). טראץ אז שפעטער האט מען צוגעלייגט נאך א ברכה - 'ברכת המינים', רופן אן די חכמים אט די תפילה מיטן נאמען 'שמונה עשרה', אזוי ווי צאל פון די ברכות וואס זענען געווען אינעם ארגינעלען נוסח (ברכות כח ב; ב"ח או"ח קיח). די שמונה עשרה ברכות האט מען מתקן געווען אקעגן די שמונה עשרה שמות פון הוי"ה וואס דוד המלך דערמאנט אין קאפיטל כט אין תהילים, וואס הייבט זיך אן מיטן פסוק: "מזמור לדוד הבו לה' בני אלים" (ברכות כח ב).

די שמונה עשרה ברכות זענען צוטיילט אויף דריי: א. דריי ברכות פון שבח, ב. דרייצן ברכות פון בקשה, ג. דריי ברכות פון הודאה. די חכמים האבן דאס צוגעגלעכט צו א קנעכט וואס קומט עפעס בעטן פון זיין האר; אין אנהויב לויבט ער זיין האר, נאכדעם בעט ער וואס ער דארף, און אין ענדע דאנקט ער און גייט זיך אוועק (ברכות לד א).

## די געבוי פון די ברכה

די ברכה איז די איינציגסטע פון די ברכות פון שמונה עשרה וואס הייבט זיך אן מיט 'ברוך' ווייל דאס איז די ערשטע, אבער די קומענדיגע ברכות האבן דער הלכה פון 'ברכה הסמוכה לחברתה' און הייבן זיך נישט אן מיט ברוך (טור או"ח קיט).

אין תוספות (ברכות מ ב ד"ה אמר) שטייט, כאטש די ברכה הייבט זיך מיט ברוך האט מען נישט מתקן געווען זאגן אויך 'מלך העולם' אזוי ווי מ'זאגט ביי אלע ברכות וואס הייבן זיך אן מיט 'ברוך', ווייל די ווערטער 'אלוקי אברהם' זענען שוין כולל אין זיך דער ענין פון מלכות, ווייל אברהם אבינו האט צו וויסן געטון און ממליך געווען דעם אויבערשטן אויף די גאנצע וועלט. נאך זאגט רבי יהודה בר יקר (פירוש התפילות והברכות' ח"א עמ' לה) אז די ברכה הייבט זיך נישט אן מיט מלכות, ווייל זי איז 'סמוכה' צו די ברכה 'גאל ישראל', און אין אמת'ן וואלט מען נישט געדארפט אנהייבן מיט 'ברוך' אזוי ווי דער הלכה פון א ברכה הסמוכה לחברתה, אבער ווייל אמאל איז עס נישט סמוכה, צ.ב.ש. ביי מנחה, האט מען עס גערעכנט ווי 'סמוכה' און ווי 'אינה סמוכה', און מען האט קובע געווען דערמאנען אין אנהייב דעם שם אן קיין מלכות.

## די באדייט פון די ברכה

אין די

ערשטע ברכה פון 'שמונה עשרה' - ברכת אבות, זאגן מיר אז הקב"ה איז אונזער גא-ט און דער גא-ט פון די דריי אבות, און מיר לויבן אים אויף דעם וואס ער האט באשאפן דער וועלט און פירט עס מיט חסד, און אויף דעם וואס ער האט באשיצט אויף אברהם אבינו אין אלע זיינע איבערלעבענישן, די פייער האט אים נישט געשעדיגט אין אור כשדים, און זיינע פיינט האבן אים נישט געקענט שלעכט'ס טון ביי די מלחמה פון די פיר קעניגן, און אויך די אנדערע ניסים וואס האבן מיט אים פאסירט (יסוד ושורש העבודה ה ג; 'שם עולם' ח"ב בהשמטות).

די חכמים לערנען ארויס אז מען דארף דערמאנען די דריי אבות ביים דאווענען. זיי טייטשן די הבטחה פון הקב"ה פאר אברהם (בראשית יב ב): "'ואעשך לגוי גדול' - זהו שאומרים 'אלקי אברהם', 'ואברכך' - זהו שאומרים 'אלקי יצחק', 'ואגדלה שמך' - זהו שאומרים 'אלקי יעקב'. יכול יהו חותמין [די ברכה] בכולן? תלמוד לומר: 'והיה ברכה' - בך חותמין ['מגן אברהם'], ואין חותמין בכולן". דער רוקח (פירושי סידור התפילה לרוקח סי' מה) לייגט צו אז מען דערמאנט די אבות בים דאווענען ווייל זיי האבן מתקן די תפילות (ברכות כו א).

די ברכה איז וואוועקגעשטעלט די ערשטע פון אלע ברכות לויט די סדר פון קאפיטל כט אין תהילים [ווי פריער דערמאנט האט מען אקעגן דעם מתקן די שמונה עשרה] וואס הייבט זיך מיט די ווערטער: "הבו לה' בני אלים", וואס זיין טייטש איז: דערמאנט פאר מיר, די קינדער פון די שטארקע, דאס זענען די דריי אבות וואס דער וועלט שטייט אויף זיי און אין זייער זכות (מגילה יז ב, מהרש"א ח"א ר"ה יא א, לב א).

## די כוונה פון אמן אויף די ברכות ראשונות

ווי באקאנט אויף יעדע ברכה וואס איר אינהאלט איז נאר שבח אליין דארף מען אינזין האבן אז די ווערטער פון דער מברך איז אמת, אבער ביי א ברכה וואס איר אינהאלט איז שבח און אויך בקשה דארף מען אינזין האבן אז דער מברך זאגט אמת, און הלוואי עס זאל מקויים ווערן זיין בקשה. לויט דעם איז געפסק'נט אין שו"ע הרב (או"ח קכד ט) אז ביי די דריי ברכות ראשונות פון 'שמונה עשרה', וואס זענען ברכות פון שבח און אנהאלטן נישט קיין בקשה, זאל מען ביים ענטפערן אמן אינזין האבן אז דער מברך זאגט אמת.

אבער אין 'משנה ברורה' ('ביאור הלכה' שם ד"ה ובכוונה) שטייט אז פון 'מגן אברהם' (שם י) זעט אויס אז ביי די ברכה פון 'אבות' און 'מחיה המתים' דארף מען אינזין האבן 'אמת' און 'הלוואי עס זאל זיין'. ווייל אין די ברכות זענען אויך מרומז בקשות; ביי אבות - ער זאל מיט אונז טון חסדים טובים, און געדענקען די חסדי אבות און צושיקן די גאולה, און ביי 'מחיה המתים' - מיר זאלן ווי שנעלער זוכה זיין צו די זמן פון תחית המתים. אבער ביי די ברכה 'הא-ל הקדוש' האלטן אלע אז מען דארף אינזין האבן נאר 'אמת' אליין, ווייל אין דעם איז נישטא קיין בקשה.

## די כוונה פון אמן

עס' איז ריכטיג אז מען דארף לויבן הקב"ה אויף דעם וואס ער באשיצט און העלפט דער וועלט און אויף דעם וואס ער האט באשיצט אויף אברהם אבינו' (סידור 'נהורא השלם' שמו"ע). און עס זענען דא וואס האלטן אז מען דארף אויך מכוון זיין ער זאל אונז שענקען גוטע חסדים און צושיקן די גאולה' (ראה מדור כוונת אמן על ברכות ראשונות).

# מאוצרות אמונים

די סגולה פון ענטפערן אמן

## אין זכות פון אמן ווערט מען געראטעוועט פון די פיינט

די חכמים דרש'ענען ('תנא דבי אליהו' רבה י) אויפן פסוק (שופטים ה ב): "בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" - "במי נפרע להם הקדוש ברוך הוא לישראל מאומות העולם? בבני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן..."

מיט דעם טייטשט **רבי חיים כ"ץ** א אייניקל פון סמ"ע דעם פסוק אין תהילים (יב ב): "הושיעה ה' כי גמר חסיד כי פסו אמונים מבני אדם" - "הושיעה ה'", כאטש "כי גמר חסיד כי פסו אמונים" - מיר האבן נישט צווישן אונז מענטשן וואס וואס האלטן טייער דאס ענטפערן אמן, וואס אין זייער זכות זענען מיר פארזיכערט געראטעוועט צו ווערן פון אונזערע פיינט ('ארץ החיים' תהילים שם).

האדמו"ר **רבי משה יחיאל מאוזורוב** האט צו דעם צוגעלייגט, אז מיר ווען גוט אפלערנען די ווערטער פון די חכמים ווען מיר זען, אז דער הויפט שיצונג וואס ענטפערן אמן שענקט פאר מענטשן איז ווען דאס ווערט געענטפערט אויף ברכות וואס איז נישט א חיוב זיי צו הערן, אזוי ווי דער לשון איז "בני אדם שמשכימים... לבית המדרש" כדי ענטפערן אמן. אזוי אויך איז פאסיג דער לשון הפסוק: "בהתנדב עם ברכו ה'" - ווען א מענטש איז זיך מתנדב לויבן דעם אויבערשטן מיט 'אמן' כאטש ער איז נישט מחויב בכך ('באר משה' שופטים עמ' קסה)

## אמן צורייסט דעם גזר דין

אין מסכת שבת (קיט ב) ווערט געברענגט: "אמר רבי יהושע בן לוי: כל העונה אמן, יהא שמיה רבא מברך בכל כחו - קורעין לו גזר דינו". אבער אין זוהר הקדוש איז צוגעזאגט די הבטחה אויף יעדע אמן, און נישט נאר אויף "אמן, יהא שמיה רבא". ווייל אזוי ווערט געברענגט (תיקו"ז מ א) "העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דין של שבעים שנה". ('שומר אמונים' מאמר פתחו שערים פ"א).

האדמו"ר רבי מנחם מענדל פון ווישאווע האט געטראפן אויף דעם א וואונדערליכן רמז אין פסוק (תהלים קטז ג- ד): צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא... אָנָּה ה' מַלְּטָה נַפְשִׁי". "אָנָּה מַלְּטָה נַפְשִׁי" איז ר"ת אמן, דורך ענטפערן אמן טוט זיך דער מענטש ראטעווען פון שלעכטע גזירות ('שארית מנחם' תהלים שם).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער ליינער

**פאר די וואס טראגן די פאן פון ענטפערן אמן**

**חברי מערכת 'וכל מאמינים'**

א דאנק פאר ענקער אינהאלטסרייכער גליון. אין אמת'ן אין עס נישט א גליון נאר א ריכטיגע אוצר איבער אלע ענינים פון עבודת התפילה.

ענק האבן לעצטנ'ס געשריבן א רייכער ארטיקל אויף די מאמר פון די חכמים (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן", וואו ענק האבן קלאר געמאכט אויף אלע ערליי וועגן אז ענטפערן אמן איז דער 'שליסל' צו גן עדן. איך האב געטראכט צו מיר אז אמן איז ר"ת "אני נותן מפתח", ווי כביכול דער אויבישטער געבט פאר יעדן איד די מעגליכקייט צו ערררייכן די שליסל פון גן עדן.

מיר האט עס געגעבן א געוואלדיגער חיזוק זיך צו שטארקן אויף די נאטורליכע בושה וואס איך האב געהאט בשעת'ן צוגיין צו א מענטש און אים בעטן ער זאל ענטפערן אמן אויף מיינע ברכות. איך האב אריינגענומען אין מיר אז בעצם מאך איך מיט יענעם א טובה צו ערררייכן די שליסל צו קענען עפענען די טויערן פון גן עדן און נאך טויערן.

**ענק זאלן זוכה פארמערן ברכות און אמן בישראל**

**ש.מ. - אלעד**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



## רבי חיים פאלאג'י
### י"ז שבט תרכ"ח

רבי חיים פאלאג'י איז געבוירן געווארן אין איזמיר וואס איז אין טערקיי אום י"ט חשון תקמ"ז, צו זיין פאטער רבי יעקב. זייענדיג אין עלטער פון פינף און צוואנציג יאר האט ער באקומען 'סמיכה' אויף רבנות, און אין די קומענדיגע יארן האט ער געדינט אין פארשידענע תורה'דיגע אמטן אין איזמיר ביז יאר תרט"ו ווען דעמאלטס האט מען אויפגענומען צו זיין דער 'חכם באשי' פון שטאט.

רבי חיים האט מחבר געווען ארום אכציג ספרים אין אלע חלקים פון תורה. זיינע ספרים האט ער אנגעהויבן שרייבן אין עלטער פון זעכצן יאר, און האט נישט אויפגעהערט פון שרייבן ביז זיינע לעצטע טעג; זיין לעצטע ספר 'ברכת מועדיך לחיים' האט ער געענדיגט שרייבן א טאג בעפאר זיין הסתלקות. ער איז נפטר געווארן י"ז שבט תרכ"ח און איז באערדיגט געווארן אין די אלטע בית החיים אין איזמיר, ווען א גאנצע לוויה האבן די קהילה מיטגלידער ארומגענומען זיין ארון מיט גרויס כבוד ווען זיי האלטן אין די הענט אלע זיינע ספרים.

## זיי פלעגן זאגן פאר אים די ברכות השחר

יעדן אינדערפרי פלעגט רבי חיים פאלאג'י רופן זיינע קינדער און אייניקלעך זאלן זאגן פאר אים די ברכות השחר, כדי ער זאל קענען ענטפערן ברוך הוא וברוך שמו און אמן ('צואה מחיים' הנהגות המחבר אות ד).

## מאה ברכות שענקען לעבן

דוד המלך האט מתקן געווען זאגן מאה ברכות כדי אפשטעלן די מגיפה וואס האט געבוזשעוועט אין זיינע צייטן (במ"ר יח כא). און די סגולה איז ווייל די ברכות ברענגען לעבן. דעריבער דער וואס איז מקפיד זאגן מאה ברכות איז זוכה צו א לאנגע לעבן. און דאס האט דוד המלך מרמז געווען ביים זאגן (תהלים סו ח-ט): "בָּרְכוּ עַמִּים אֱלֹקֵינוּ וְהַשְׁמִיעוּ קוֹל תְּהִלָּתוֹ - הַשָּׂם נַפְשֵׁנוּ בַּחַיִּים..." ('הכתוב לחיים' תהלים סו ט).